די אומשאצבארע
**סגולה**
און די געוואלדיגע
**מעלה**
פון
**נישט רעדן ביים דאווענען**

# נַקְדִּישָׁךְ

פ' וישלח - גליון כ"ד


# ש'תיקה י'פה ב'שעת ה'תפילה

די פאלגענדע בריוו האבן מיר ערהאלטן די וואך פון אן עלטערן איד אין אנטווערפן. ווי מיר האבן געהערט איז דער איד איז שוין בליעה"ר היבש העכער די ניינציג לאיוש"ט און גייט אהן מיטן טאג טעגליכן ווירטשאפט ווי א אינגער מענטש. איצט גיבט א קוק וואס ער שרייבט...


ב"ס"ד

אור ליום ד' כסלו ה'תשע"ח

לכבוד לכל מאן דבעי אני סיפרתי כבר לכמה אנשים שיחי' שמאז שהגעתי לגיל עשר, לא הייתי מסוגל לדבר בזמן התפילה, ואני בטוח בלי שום ספק שבזכות זה עברתי את תקופת המלחמה בלי שום בעיות, והגעתי ב"ה לגיל מאוד גבוה ובלי ע"ה אני לא מרגיש את הגיל שלי.

והנני כותב וחותם

בן שבע בינה ע"ה

יעקב אליעזר בן שבע בינה פרידריך

J. FRIEDRICH
114 MERCATORSTRAAT
2018 ANTWERPEN

(אין פרייע אידישע איבערזעצונג)

בס"ד

אור ליום ד' כסלו ה'תשע"ח

**לכבוד לכל מאן דבעי, איך האב שוין דערציילט פאר עטליכע מענטשן שיחי', אז פון ווען איך בין אנגעקומען צו די עלטער פון צעהן יאר, איז פאר קיינעם נישט געווען מעגליך מיר צו שטערן אינמיטן דאווענען. איך בין זיכער בלי שום ספק אז אין דעם זכות בין איך אריבער די תקופה פונעם מלחמה אהן קיין שום פראבלעמען, און איך בין אנגעקומען צו דעם הויכן עלטער, ובלי ע"ה שפיר איך נישט מיין יארגאנג.**

והנני כותב וחותם

יעקב אליעזר בין שבע בינה פרידריך


נתפרסם לע"נ כ"ק אדמו"ר מזלאטשוב - הרה"צ רבי יחיאל מיכל בן הרב ר' יצחק זצ"ל ת.נ.צ.ב.ה.


## לא אמות כי אחיה

אין צוזאמענהאנג מיט דעם בריוו ווען מיר ברענגען דעם פאלגענדן סיפור (מספר כבוד בית ה') וואס עס האט דערציילט הגה"צ ר' משה שטערן זצ"ל אב"ד דעברעצין.

די מורא'דיגע מעשה האט פאסירט ביי זיין פאטער הגה"צ אב"ד נייהייזל זצ"ל.

איינמאל האט דער רב געהאלטן א דרשה אין ביהמ"ד איבער די הארבקייט פון רעדן בשעת התפלה. צווישן זיינע ווערטער האט ער נאכגעזאגט דאס וואס עס ווערט געברענגט אין די ספה"ק אז דאס זיין שטיל ביים דאווענען איז א סגולה לאריכות ימים ושנים טובות, דאס איז מרומז אין די ראשי תיבות פון **שיב"ה**, **ש**תיקה **י**פה **ב**שעת **ה**תפילה.

צומארגנס האט די שטאט גערעש'ט איבער א פארכטיגע חלום וואס איינער פון די מתפללים האבן זיך געחלומ'ט יענע נאכט. פאלגענד איז די חלום לויט ווי דער איד האט דאס דערציילט:

"אין חלום האב איך געזעהן ווי איך ליג אויפן קראנקן בעט, און איך בין שוין אנגעקומען צו מצב פון גסיסה רח"ל. אט געפין איך מיר שוין אויבן אין הימל און איך ווער געברענגט פארן בית דין של מעלה. איך זעה ווי מען איז דן איבער מיר צו מען זאל מיר ערלויבן ווייטער צו לעבן, אדער חלילה אז איך זאל דארפן שטארבן. ווען איך האב געזעהן אז די דין איז נוטה למיתה רח"ל, האב איך אנגעהויבן צו וויינען און יאמערן, און זיך איינגעבעטן אויף מיין לעבן: "איך בין דאך נאך א אינגער מענטש, און איך האב מיר נאכנישט געהעריג צוגעגרייט אויפן עולם הזה".

פלוצים האב איך געהערט א קול וואס רופט און פרעגט מיר: **פארוואס רעדסטו בשעת'ן דאווענען?** הערנדיג דעם קול בין איך דערציטערט געווארן, און מיט א שוואכע קול האב איך געענטפערט: "איך האב נישט געוואוסט דאס הארבקייט פון די עבירה".

דאן האב איך ווידער געהערט דעם קול מיר פרעגן: **איז דען אמת אז דו האסט נישט געוואוסט?! הערשט קוים נעכטן האט די רב ביי דיר אין ביהמ"ד געגעבן א דרשה איבער די חומר האיסור, און ער האט אויך דערמאנט דאס ענין אז "שתיקה יפה**

"בשעת התפילה" ראשי תיבות "שיבה", און דו, נישט געגוג אז דו האסט זיך נישט מקבל געווען צו פארבעסערן דיינע מעשים, האסטו מיט גרויס העזה גאר פארמערט צו רעדן, און אצינד בעטסטו נאך אז מען זאל גאר פארלענגערן דיין לעבן?! האסטו דען א פנים צו פארלאנגען אריכות ימים?!

הערנדיג דעם ענטפער, בין איך געפאלן מיטן פנים אראפ, און זיך אויסגעשטרעקט אויף די ערד, איך האב ווידער געבעטן ברחמים ובתחנונים: "ביטע האט רחמנות אויף מיר און אויף מיין אינגע יארן און שענקט מיר נאך יארן צו לעבן, איך בין מקבל אויף מיר אז מער וועל איך נישט רעדן בשעת'ן דאווענען".

נאר נאכן הערן דעם צוזאג, אזי מיין געבעט געווארן אנגענומען און מען האט מיר געשענקט דאס לעבן.

## גע'פועלט א שידוך ביים תוס' יו"ט

מיין פערזענליכע מעשה מיטן תוספות יו"ט:

נאכן ליינען כסדר מורא'דיגע מעשיות אינעם גליון קדושת בית המדרש איבער ישועות חוץ לדרך הטבע וואס מענטשן האבן געזעהן בזכות פון זיך אונטערנעמען נישט רעדן בשעת התפילה, איז מיר דאס ענין צוביסלעך אריין אין קאפ. בפרט אז איך אליין האט זיך גענויטיגט אין א ישועה אויף א זיווג הגון.

פאראנגאנגענע י"ט סיון בין איך געווען אין קראקא ביים ציון פון תוס' יו"ט, וואס האט מתקן געווען דער "מי שברך" פאר די וואס נישט רעדן בשעת'ן דאווענען. כ'האב מתפלל געווען ביים ציון אז איך זאל א חתן ווערן, און איך וועל מיר אונטערנעמען נישט צו רעדן בשעת התפילה. והאמת אגיד, כ'האב מקיים געווען מיין קבלה, אבער נישט אויף הונדערט פראצענט, אינמיטן וואך איז עס געווען גרינגער, אבער ווען ס'איז געקומען שבת איז עס אמאל יא געלונגען און אמאל נישט...

אינמיטן זומער האט אנגעהויבן ארויסקומען א נייער גליון "נקדישך", דאס איז געווען פאר מיר ווי נאך א דערמאנונג און נאך אן התעוררות שטערקער איינצוהאלטן מיין קבלה. אין צוגאב האב איך זיך פארבינדן מיט עורך, און פארגעלייגט אז אזוויו' עס קומט באלד די יארצייט פון תוספות יו"ט ו' אלול, זאל מען פארלייגן פארן ציבור אז מ'וועט קענען שיקן קוויטלעך צום ציון הק' פונעם תוס' יו"ט אומזיסט, פאר די וואס נעמען זיך אונטער נישט צו רעדן בשעת'ן דאווענען, און אין דעם זכות זאל מען געהאלפן ווערן מיט כל משאלות לבם לטובה.

די פראיעקט איז בע"ה אריבער מיט א שטארקע הצלחה. איבער 1000 קוויטלעך זענען אריינגעקומען פון אידן איבער דער גארער וועלט. איך האב דאס צוזאמענגענומען און מיטגעשיקט מיט הרב פינחס שפיצער שליט"א פון שיכון סקווירא, וואס ער טוט שוין יארן פילע פעולות לטובה בענין שתיקה יפה בשעת התפילה. ער האט טאקע אויך אין סקווירא'ער שטעטל צאמגענומען קוויטלעך פון אידן, און געפארן קיין קראקא מתפלל זיין אלס שליח ציבור.

ז' תשרי, אינמיטן עשרת ימי תשובה העעל"ט, בין איך נאכאמאל געפארן קיין קראקא צום תוספות יו"ט, און זייענדיג ביים ציון האב איך דארט צוגעזאגט אז פון יעצט און ווייטער נעם איך זיך אונטער מיט א פעסטקייט נישט אויסצורעדן פון אנפאנג דאווענען ביזן סוף, און דאסמאל מיין איך עס טאקע אמת'דיג. ובזכות דעם האב איך געבעטן דעם הייליגן תוס' יו"ט ער זאל זיין פאר מיר מליץ יושר אז איך זאל געהאלפן ווערן מיט שידוך במהרה. איך האב אויך צוגעזאגט אויב איך ווער א חתן ביז פערציג טעג וועל איך עס מפרסם זיין לרבים.

ז' חשון העעל"ט, פונקט 30 טעג שפעטער, בין איך א חתן געווארן בשעה טובה ומוצלחת.

א.ר.

## איין קבלה - צוויי שידוכים

ס'איז געווען ל"ג בעומר עטליכע יאר צוריק, איך בין שוין געווען העכער די צוואנציג און נאך געווארט אויף מיין באשערטע. כ'האב שפאצירט מיט א חבר פון ישיבה, אויך א בחור, וואס איז געווען א שטיקל חברה'מאן, ער האט שוין געהאט זיין אייגענע קאר, און שוין נישט געווען געהעריג בין כותלי הישיבה.

און מיר האבן גערעדט אז ס'איז נישט קיין תכלית, יעדער ווערט דא חתנים און מיר זיצן נאך און ווארטן. מיר האבן זיך דעמאלס צוזאמען מקבל געווען נישט צו רעדן בשעת חזרת הש"ץ, קדיש און קריאת התורה, וואס די זאכן ווערן דערמאנט אין שו"ע אז ס'איז אסור להלכה, ובזכות זה זאלן מיר געהאלפן ווערן מיט שידוכים בקרוב.

פונקט דרייסיג טעג שפעטער, י"ח סיון בין איך א חתן געווארן, די שמחה איז געווען גאר גרויס, בפרט אז כ'האב געזען אז ס'איז געשען פונקט דרייסיג טעג נאך מיין קבלה. כ'האב אנגערופן דעם אנדערן בחור מיט וועמען כ'האב מקבל געווען דער קבלה, און געוואלט מיטטיילן די פרייליכע נייעס. ער הייבט אויף דער טעלעפאן און זאגט: "איך קען נישט רעדן יעצט, איך בין דא סטאק אויפן ראוט 17". כ'האב אים געבעטן ער הער מיר אויס א רגע, און כ'האב אים געזאגט, געדענקסט אונזער קבלה ל"ג בעומר ביינאכט ביים הדלקה. **איך בין היינט א חתן געווארן!**

"אמת'דיג?..." שרייט ער. "ביז יעצט האב איך געפאנפעט, איך הייב אן פון די היינטיגע מנחה אויספירן מיין קבלה מיט א פעסטקייט, איך רעד נישט בשעת'ן דאווענען".

ומה עשה הקב"ה, פונקט א חודש שפעטער, י"ח תמוז איז ער אויך א חתן געווארן למז"ט.

א. י. ה. ווילאמסבורג

## טוב לצדיק טוב לשכינו

לכבוד די מזכי הרבים,

איך האב געליינט יו"ט אין איינע פון די גליונות איבער נישט רעדן אין ביהמ"ד, און ב"ה איך האב זיך מקבל געווען צו שטיין דעריין און זאל דער אויבערשטער העלפן מען זאל זיך קענען האלטן דערצו.

אגב האב איך געטראכט איבער צוויי פון מיינע מיטדאווענערס ווי אזוי איך גיי נישט קענען ענטפערן פאר זיי ווען זיי פרעגן מיר עפעס, אבער למעשה ביים זיך טרעפן מיט זיי דעם קומענדיגן געלעגענהייט וואס עס האט זיך געמאכט האבן ביידע פון זיי אויף באזונדערע פלעצער געזען דעם גליון און קיינער האט נישט געעפנט דעם מויל דעם גאנצן דאווענען..!!,

נאכן דאווענען האט מיר איינער געפרעגט צו איך האב אפשר געליינט דעם און דעם גליון, ווייל ער האט עס אויך געליינט...

נ. ה. - קרית יואל יצ"ו

